CZYTA…

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat פרייז 20 גראשען

הייגט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 20/1315 | Łódź, Poniedziałek 23 Stycznia 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, א׳ שבט תרפ״ח | Nr. 20/1315

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

# וועגען שליסען שידס=טראקטאטען

## צווישען סאוויעט=רוסלאנד מיט פראנקרייך און פוילען.

פ א ר י ז, 22 (ספ. טעל,) בעת דער לעצטער סעסיע פון פעלקער-בונד-ראט אין גענף איז פארגעקומען א מיינונגס-אויסטויש צווישען בריאנען און ליטווינאוו׳ן מכח דער מעגליכקייט פון שליסען א פראנצויזיש-רוסישען שידס-אפמאך.

ליטווינאוו האט דאן דערקלערט, אז סאוויעט-רוסלאנד וואלט גרייט געווען צוצוטרעטען צו דעם דאזיגען אפמאך, וואס זאל פערזיכערען דעם שלום.

לויט דער מיטטיילונג פון „עקסצעלסיאר" דארפען זיך די טעג אין פאריז אנהויבען די אונטערהאנדלונגען וועגען דער פראגע.

דער נייער אמבאסאדאר דאווגאלעווסקי האט שוין בפרטיות ארומגערעדט מיט בריאנען די אלגעמיינע בעדינגונגען פון אזא אפמאך.

איינער פון דאווגאלעווסקי׳ס מיטארבייטער האט דערקלעהרט, אז די פאליטיק פון דעם נייעם סאוויעטישען אמבאסאדאר אין פראנקרייך וועט שטרעבען צו א פאליטישער אוןווירטשאפטליכער דערנעהנטערונג צווישען סאוויעט-רוסלאנד און פראנקרייך.

רוסלאנד איז אויך גרייט צו שליסען אן׳עהגליכען שידס-טראקטאט מיט פוילען.

## א „ווייס בוך"

### וועגען קעניגליכע ליבע=אוואנטורעס.

פ א ר י ז, 22 (ספ. טעל.) די פראנצויזישע צייטונגען ברענגען א ידיעה, אז דער געוו. יורש עצר פון דעם רומענישען טראן, דער פרינץ קאראל האט בדעה ארויסצולאזען א „ווייס בוך" אלס תשובה אויף די דאקומענטען, וואס בראטיאנו׳ס רעגירונג האט פערעפענטליכט אין צוזאמענהאנג מיט זיין אפזאגען זיך פון טראן.

אין זיין בוך רעכענט קאראל צו געבען גענויע אויפקלערונגען וועגען זיינע אזוי-גערופענע ליבע-אוואנטורעס.

## וואראשילאוו בלייבט אויף זיין אמט.

מ א ס ק ו ע, 22. (א. וו.) עס ווערען אפיציעל אפגעלייקענט די קלאנגען, וועלכע האבען זיך בעוויזען אין דער אויסלענדישער פרעסע, וועגען דער מעגליכקייט, אז דער סאוויעטישער קריגס-קאמיסאר וואראשילאוו זאל אראב אין דימיסיע.

---

## סאוויעטען

### אויף אויסשטעלונגען.

מ א ס ק ו ע. 22 (ספ. טעל.) דער קאמיסאריאט פאר האנדעלס-ענינים האט בעשלאסען אנטיילצונעהמען אין די פארשטעהענדע אינטערנאציאנאלע אויס-שטעלונגען אין בריסעל, פאריז, מיילאנד. א טייל עקספאנאטען וועט שוין ארויסגעשיקט ווערען אין אנהויב פעברואר,

## הינדענבורג קלויבט זיך קיין וויען.

וו י ע ן, 22 (ספ. טעל.) די צייטונגען מעלדען, אז הינדענבורג קלויבט זיך זומער-צייט צו קומען קיין וויען אין צוזאמענהאנג מיט די געזאנג-פייערונגען. די „נייע פרייע פרעסע" מעלדעט, אז אין די עסטרייכישע רעגירונג-קרייזען ווייסט מען נישט וועגען דעם וויזיט.

## א משוגע׳נער אונטערצינדער

פ א ר י ז, 22 (ספ. טעל.) „נעוו-יארק העראלד" מעלדעט פון וואשינגטאן, אז עפיס א משוגע׳נער, וואס איז ארויס פון שפיטאל האט אונטערגעצינדען 12 בנינים. עס איז ענטשטאנען א מורא׳דיגע שרפה, בעת וועלכער עטליכע פייערלעשער זענען דערשטיקט געווארען.

---

## א דעקרעט וועגען קאנטראלירען

### די לעבענסמיטעל = פראדוקטען און כלים.

וו א ר ש א, 22 (טעלעפאניש) דער געזונדהייטס-דעפארטאמענט האט צוגעגרייט א פראיעקט פון דעם מלוכה-פרעזידענטס א פעראָרדענונג וועגען אויפזיכט איבער לעבענסמיטעל-ארטיקלען. דעם אויפזיכט בעלאנגען אלע לעבענס-מיטעל- פראדוקטען און רויה-שטאפען, ווי אויך געוויסע כלים און אפאראטען, וואס ווערען גענוצט צום אויסארבייטען און קאנסערווירען די פראדוקטען, קאסמעטישע מיטלען, מלבושים, שפילצייג א. ד. ג.

אין געזעץ-פראיעקט ווערט פאראויסגעזעהן דער אופן ווי אזוי די קאנטראלע דארף דורכגעפיהרט ווערען, די פליכטען און די רעכט פון די קאנטראלערען, ווי אויך די שטראף-סאנקציעס.

---

## א בעשלוס פון פאנאמעריקאנישען קאנגרעס.

ה א וו א נ א, 22. (ספ. טעל.) די אינטערנאציאנאלע קאמיסיע פאר עפענטליכע רעכט ביי דער פאנאמעריקאנישער קאנפערענץ האט איינשטימיג אנגענומען א רעזאלוציע, וואס זאגט זיך אין פרינציפ ארויס דערפאר, אז איין מלוכה זאל זיך נישט אריינמישען אין די אינערליכע ענינים פון דער צווייטער מלוכה.

## די סאוויעטישע אוניווערזיטעטען.

מ א ס ק ו ע, 22 (ספ. טעל.) דעם פערגאנגענעם יאהר זענען אין די הויכשולען פון סאוויעט-רוסלאנד אנגענומען געווארען 19.510 פערזאן. לויט דער סטאטיסטיק האט זיך בעדייטענד פערגרעסערט דער פראצענט פון סטודענטען-ארבייטער, וועלכער בעטרעפט איצט 34 פראצ. פון דער אלגעמיינער צאהל. פויערים זענען דא 24 פראצ., אינטעליגענץ — 14 און קינדער פון סאוויעטישע בעאמטע — 25 פראצ.

---

**Dr. Z. RAKOWSKI**

ספעציאליסט פאר אויערען-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקהייטען.

קאנסטאנטינער 9, טעל. 27-31.

שפרעכשטונדען פון 12 ביז 2 און פון 5—7

נעמט אויך אן אין לעטשניצע, זגערושער 17 פון 10—11 און פון 2 3.

W dniu 13 b. m. zmarł we Wiedniu członek naszego stowarzyszenia

**b. p. JULJUSZ ASCHER**

W zmarłym straciliśmy Towarzysza oddanego służbie dla wspólnych idei naszego Stowarzyszenia.

Cześć Jego Pamięci!

Stowarzyszenie Humanitarne

„MONTEFIORE BNEJ-BRITH" w Łodzi.

605

מזל=טוב מזל=טוב

שבח יאשונסקי

קאלגארי-אלבערטא (קאנאדא)

טויבע קליינמיטץ, לאדז

האבען תנאים=געשריבען.

אין יאנואר 1928.

צו דער בר=מצוה פון

יצחק גאלדפעדער

ווינשען מיר דער פאמיליע גאלדפעדער, אז איהר זאלט דערלעבען פיל נחת פון אייער זוהן.

פאמיליע רוזשאנסקי.

609

דעם טיפסטען בייליד דריקען מיר אויס דער פרוי יאנאווסקי, צוליב׳ן טויט פון אונזער שעף

נ״ע שמעון יאנאווסקי

דאס פערסאנאל:

דוד האכמאן, זיסמאן כאינאצקי, יהושע זיידערמאן און שלמה לאסמאן.

אויפפאדערונג!

599

די אלע, וועלכע בעזיצען פראטעסטירטע וועקסלען פון

סאלאמאן ראזען,

נארוטאוויטשא 56, ווערען געבעטען אין זייערע אייגענע אינטערעסען צו מעלדען זיך זאפארט ביי א. רוזשיצקי, קאנסטאנטינער 28.

דעם טיפסטען בייליד דריקען מיר אויס אונזער ליבען חבר און פריינד נאטאן ליבעסקינד צוליב׳ן פלוצלינגען טויט פון זיין פאטער

נ. ע. חיים יחזקאל

זייט געטרייסט! י. יוסטין, קאלמוס, און משה שווארצבערג.

600

אנאנסען אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג!

